גליון

# חל תלפיות

יו"ל לרגל מלאת שנה תמימה

**מאז פתיחת שערי בית מדרשינו המפואר**

ביהמ"ד "בית שמואל בנימין"

דקהל יטב לב דסאטמאר – מאנטרעאל יע"א

# ובמלאת לו שנה תמימה

**א בליק אויפן הערליכן בית שמגדלין בו תורה ותפילה**

א לייכט טורעם בעירינו מאנטרעאל יע"א

פארוואורט:

בלויז א יאר טיילט אונז אפ זינט יענעם געהויבענעם שבת קודש פר' בעהלותך תש"ע העעל"ט, ווען אין גאר א געהויבענער און פייערליכער שטימונג האבן סאַטמאַרער חסידים געפראוועט דעם געהויבענעם שבת קודש "פתיחת שערים", צו די פייערליכע מאורע ווען עס זענען געעפנט געווארן די טויערן פונעם הערליכן און פראכטפולן היכל בית המדרש החדש "בית שמואל בנימין" דקהל יטב לב דסאַטמאַר אין מאָנטרעאַל, און דערמיט איז אויפגעמישט געווארן א ניי בלעטל פון הרחבת גבולי הקדושה אינערהאלב די הייליגע קהילה.

אט דער יום טוב'דיגער שטימונג און רוח מרומם וואס האט אדורכגענומען אלע חברי הקהילה שיחיו איז געווען די ריכטיגע התחלה און חינוך הביהמ"ד לתורה ולתפלה, וואס ווערט בעז"ה פארגעזעצט בקביעות מיט גרויס דערהויבנקייט לשמחת לב כל חברי ק"ק סאַטמאַר אין מאָנטרעאַל.

דער הערליכער צענטער פאר תורה ותפילה; דער פראכטפולער היכל הבית המדרש; אירע פילצאליגע לומדים חשובים וקובעי עתים לתורה; די חשובע בעלי בתים נכבדים און געהויבענע אינגעלייט פון די הערליכע סאטמאר-מאנטרעאלער קהילה; די העכסט-תוכנ'פולע שיעורים תמידים כסדרן; ועל כולם די השפעה און כח התורה פונעם חשובן דיין הגה"צ רבי מנחם מענדל ווערצבערגער שליט"א דומ"ץ הביהמ"ד; דאס אלעס האט איר ריכטיג פארוואנדלט אלס א לייכט-טורעם פאר תורה ותפילה, וואס שפיגלט און לייכט מיט איר פראכט און גלאנץ פאר די גאנצע שטאט מאנטרעאל!

שטייענדיג אצינד ביים אפצייכענונג א קיילעכיג יאר זינט פתיחת שערי', האבן מיר באשלאסן צו כאפן א בליק פונדערנאנט אויף די הערליכע פעולות קדושות להרמת קרן התורה וואס דער הערליכער מקום תורה ותפילה האט אריינגעברענגט בתוככי הקהילה, און איבער די גאנצע שטאט.

קומט מיט אונז מיט אויפן שפאציר:

## די התחלה: קרית "ברך משה" ד'סאטמאר!

מיט פינף יאר צוריק זענען תלמידי וחסידי סאַטמאַר נתבשר געווארן מיט די בשורה טובה איבערן גרינדונג און עפענונג פונעם הערליכן און פראכטפולן זומער קרי' - קרית ברך משה ד'סאַטמאַר אין מאנטרעאַל, וועלכע וועט דינען די געברויכן פונעם ארטיגן ציבור סאַטמאַרער חסידים אין מאנטרעאַל.

במשך הזמן האט זיך ארויסגעשטעלט אז "קרית ברך משה" איז אויסגעשטיגן אלס א מעכטיגער רוחניות'דיגער צענטער פאר סאַטמאַרער חסידים אין מאנטרעאַל אין לויף פון די חדשי הקיץ, און איז מתנוסס לשם ולתפארה מיט צענדליגער דירות פאר חשובע בעלי בתים ואברכי הקהילה, מיט א פראכטפולער רחבת ידים'דיגער ליכטיגער בית המדרש, צוגערישט מיט אלע באקוועמליכקייטן לטובת המתפללים והלומדים, שטיבלעך



לתורה ולתפלה, א גרויסע מקוה, און אלעס וואס פעלט זיך אויס לתועלת תושבי הקרי'.

בפרט ברוחניות איז "קרית ברך משה" אויסגעשטיגן אלס א שם דבר, וואו די חשובע תושבי הקרי' זענען ערנסטע איידעלע חסידישע תושבים, דאס ביהמ"ד ווירבלט מיט מערערע שיינע שיעורי תורה דרבים און דער הערליכער קול תורה איז פקע איגרא; פארצווייגטע אקטיוויטעטן להרמת קרן התורה והעבודה אין אלע הינזיכטן; תחת נשיאת הקודש פונעם גרויסן רבן של ישראל מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א.

א ספעציעלער רוחניות'דיגער חן האט צוגעגעבן די השפעה פונעם חשובן דומ"ץ הקרי' הגה"צ רבי מנחם מענדל ווערצבערגער שליט"א, וועלכער האט אריינגעברענגט א רוח של תורה אין די גאנצע סביבה, פארלערנענדיג שיעורים תמידין פאר אברכי הקהילה, און מיט זיין מאגנעטישן כח איז דער שיעור נפלא באלד פארוואנדלט געווארן אלס א ציציאונגס-ארט פאר פילצאליגע בני קהילה, זקנים עם נערים, מיטצוהאלטן די שיעורים תמידין און קונה זיין אזעלכע וויכטיגע ידיעות וואס איז נוגע אויפן טאג טעגליכן לעבן.

יאר נאך יאר, זיך צוריקקערנדיג פונעם הערליכן זוממער-קרי' אין די שטאט, האט זיך געהערט א שטארקער פארלאנג פונעם ציבור חברי הקהילה: "מה נשתנה חורף מקיץ? פארוואס זאלן די ווינטער-חדשים נישט האבן אזא געשמאקע תוכן מלא סיפוק ורוחניות?".

און זייער בקשה איז דערהערט געווארן!

## א פרישער רינגעלע: בית ה' נלך

ווי נאר עס איז פארשפרייט געווארן דער מעלדונג אז דער "פתיחת שערי הביהמ"ד" איז באשטימט אויף שב"ק פר' בהעלותך האט עס באלד ארויסגעברענגט א פלייץ פון פרייד ביי חסידי סאַטמאַר אומעטום, און א פערזענליכע קורת רוח ביי די פילע תלמידי וחסידי סאַטמאַר תושבי מאָנטרעאַל, מיטהאלטנדיג פונדערנאנט די פאזיטיווע אנטוויקלונגען פון די קהילה קדושה, און דער וואקסנדן געברויך פון די הייליגע קהילה וועלכע האט זיך במשך השנים בליעה"ר צעברייטערט און צעבליהט אויף א הערליכן פארנעם.

איבערהויפט אין די לעצטערע יארן איז שוין געווען גאר מערקבאר דאס נחיצות הענין פון מרחיב זיין די גבולי הקדושה, אהערצושטעלן א פרישער מקום תורה ותפילה וועלכע זאל דינען די געברויכן פונעם "התאחדות אברכים – שבת אחים" שע"י קהלתינו הק', אונטער די הנהגה פון כ"ק גאב"ד ור"מ סאַטמאַר מאָנטרעאַל שליט"א וועלכער איז כסדר מאציל מהוד תורתו והשפעתו אויף אלע חברי הקהילה הי"ו.

און טאקע דעריבער איז אויפגענומען געווארן מיט א שמחה דקדושה ווען עס איז געמאלדן געווארן דער פריידיגער באריכט אז מען האט בעז"ה באוויזן מיט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא אריינצושפרינגען אין א געוואונטשענער אונטערנעמונג, דורכן שאפן און הרחבה'דיגער ארט וועלכע וועט אהערגעשטעלט ווערן אלס א פאסיגער מקום תורה ותפילה פאר סאַטמאַרער חסידים מיטן הייליגן ציהל: זיך צו פירן על דרך התורה וחסידות כאוות נפשם פון מרנן רבותיה"ק זי"ע ותחת נשיאת קדשו פונעם גרויסן רבן של ישראל מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א.

אין יענע וואכן איז א יעדער סאַטמאַרער חסיד אין מאָנטרעאַל פארוואנדלט געווארן אין אן עסקן... איבערהויפט ווען דער דאטום "שב"ק פר' בהעלותך" האט זיך דערנענטערט, איז יעדער געווארן אן אקטיווער מיטגליד אינעם קרן הבנין, מען האט רענאווירט, צוגערישט, און מסדר געווארן דעם גרויסן היכל

הביהמ"ד; פארפאקט די ספרי קודש אינעם נייעם פראכטפולן אוצר הספרים אויף א סיסטעמאטישן סדר לתועלת פון די לומדי תורה; די טישן און בענק זענען אויסגעשטעלט געווארן כראוי וכיאות לפאר ולרומם בית ד', און אזוי אויך אלע אנדערע הצטרכות'ן און איינריכטונגען לכבוד ולתפארת.

דער גאנצער היכל הביהמ"ד איז שוין צוגערישט געווארן צו דינען דעם צוויפאכיגן ציהל פון "תורה ותפילה". אלס א הערליכער "היכל התורה" דורכאויס די ימות השבוע; הערליך, ציכטיג, און הרחבה'דיג כראוי לכבוד התורה ולומדי'; וואו די לומדי תורה וועלן קענען עוסק זיין בתורה בהתמדה רבה און מיט מנוחת הנפש. און שבת קודש אלס דער געוואונטשענער און פאסיגער "מקום תורה ותפילה" אין א געהויבענע אטמאספערע, געאייגנט פאר תלמידי וחסידי סאַטמאַר. אלע לעצט-מינוטיגע הכנות זענען צוגערישט געווארן באופן נאה ומתוקן, און דער ציבור האט זיך געגרייט בהכנה דרבה און מיט א פלאם פייער צום געהויבענעם און פייערליכן שבת קודש.

## חגיגת "הכנסת ספר תורה":

הארט בעפאר זמן כניסת השבת איז אפגעראכטן געווארן דער פייערליכער חגיגת "הכנסת ספר תורה", ווען עס איז אריינגעפירט געווארן די ספר תורה וואס איז נתנדב געווארן און דעזיגנירט געווארן צום נייעם פראכטפולן בית המדרש "התאחדות אברכים" דורך א חשובער נדבן מחשובי ק"ק סאַטמאַר אין ניו יארק.


בית המדרש
התאחדות אברכים
דקהל יטב לב ד'סאטמאר - מאנטריאל יצ"ו
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע
ובנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
Congregation
HISACHDIS AVREICHIM
D'Satmar - Montreal
5870 PARK AVE. MONTREAL QC. H2V 4H3

פתחו שערים ויבוא גוי צדיק

בשמחה רבה הננו בזה להודיע סדר

מעמד פתיחת שערי בית מדרשינו בשטומ"צ

אי"ה בשעה 8:00 אחה"צ בדיוק גמור [מפני כבוד שבת] יתאספו כלנו בבגדי שבת

להכניס הספר תורה של בית מדרשינו

בחצר (לע"ן) ידידנו מו"ה מרדכי צבי גאלדמאן הי"ו

6069 האטשיסאן סט.

ומשם נצא ביחד בזמירות וריקודין דרך החצר עד בית מדרשינו
ושם נמשיך בריקודין של שמחה לכבודה של תורה.

ואח"כ ישמעו דברי פתיחה בקוצר אמרים ע"י הרה"ג חומ"ץ בית מדרשינו שליט"א

זקנים עם נערים כולנו למעמד פתיחת שערים

בברכת שבתא טבא
הגבאים

די נייע ספר תורה איז ארויסבאגלייט געווארן במעמד קהל רב מיט פרייליכע געזאנגען פון די שטוב פון הרב רבי מרדכי צבי גאלדמאן שליט"א ר"מ בישיבה תורת משה ד'סאַטמאַר, אין ריכטונג פונעם נייעם פראכטפולן סאַטמאַרן ביהמ"ד. אנקומענדיג אין היכל הבית המדרש איז עס אנטפאנגען געווארן דורכן ריזן ציבור מתפללים, חברי הקהילה שיחיו, וועלכע האבן מקבל פנים די ספר תורה בשירה ובזמרה און מיט גרויס התרגשות.

## פתחו שערים ויבוא גוי צדיק:

אריינקומענדיג אין היכל הבית המדרש פרייטאג צונאכטס - ווען דער נייער און פראכטפולער בית מקדש מעט איז צום ערשטן מאל נתחנך געווארן - האט מען געקענט טאפן אין די לופטן דער התרגשות'דיגער אונברודערליכער געפיל וואס האט ארומגענומען יעדן איינעם, דער פראכטפולעראון הערליכער היכל הבית המדרש איז געווען מלא על כל גדותיו, און א געהויבענער שטימונג האט ארומגענומען יעדן באזונדער, כי יום זה גדול וקדוש הוא לפניהם.


בית המדרש
התאחדות אברכים
דקהל יטב לב ד'סאטמאר - מאנטריאל יצ"ו
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע
ובנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
Congregation
HISACHDIS AVREICHIM
D'Satmar - Montreal
5870 PARK AVE. MONTREAL QC. H2V 4H3

בית ה' נלך

בשמחה רבה הננו בזה להודיע לכל אנשי שלומינו הע"י

שבשב"ק הבעל"ט "שבת פרשת בהעלותך"

יפתחו בעזהשי"ת

שערי בית מדרשינו החדש בשעטו"מ

אשר יהי' בעזהשי"ת מגדל עוז וקרן אורה, בית אשר מגדלין
בו תורה ותפילה, ויה"ר שישרה שכינה במעשי ידינו
והבית הזה יהי' בית אלקים.

ההנהלה

כ"ב יתר הפרטים אודות הקב"ק יתפרסם אי"ה בימים הבאים

ס'איז ידוע פאר א יעדן סאַטמאַרן חסיד איבער די גארער וועלט – איבערהויפט פאר סאַטמאַרער חסידים אין מאָנטרעאַל - דער הייליגער וואונטש און שטרעבן פונעם גרויסן מייסד הקהילה מרן הגה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע, וועלכער האט אראפגעלייגט א יסוד פאר תלמידיו וחסידיו הנאמנים זיך צוזאמצוהאלטן אינאיינעם בשבת אחים, און מחנך זיין די קינדערלעך אין די אייגענע ד' אמות, אפגעזונדערט פון די דרויסנדיגע גויאישע און אידישע גאס צוגלייך. און טאקע אויף אט די הייליגע יסודות איז דער נייער בית המדרש "התאחדות אברכים" אראפגעשטעלט געווארן.

לרגל דער שמחה'דיגער מאמענט פאר אלע בני הקהילה האט דער חשובער דיין ומורה צדק פונעם נייעם בית המדרש הרב הגאון רבי מנחם מענדל ווערצבערגער שליט"א דומ"ץ הביהמ"ד וקרית ברך משה – קאנאדע משמיע געווען גאר ווארימע ווערטער בעפאר קבלת שבת, ארויסהייבנדיג די רגשי הלב פון יעדן חבר הקהילה צו

אזא געהויבענעם מאמענט, און דער רוחניות'דיגער התחייבות וואס דאס באדייט פאר א יעדן באזונדער.

דערביי האט דער חשובער דיין שליט"א איבערגעגעבן דעם קורת רוח וואס מרן הגה"ק מ'סאַטמאַר שליט"א האט געהאט, ערהאלטנדיג א פריסת שלום איבער די הרחבת גבולי הקדושה צום עפענונג פונעם נייעם בית המדרש, און דער ברכת הקודש וואס דער רבי שליט"א האט אנגעוואונטשן אויף די ווערטער פון די פרשה 'בעלותך את הנירות', און ווי רש"י הק' זאגט 'מדליק עד שתהא השלהבת עולה מאלי" אז דער קאך און פייערדיגער התלהבות דקדושה זאל פארזעצן ווייטער ביתר שאת ועוז, להגדיל תורה ולהאדירה.




נאך די ווארימע דיבורים האט דער ריזן ציבור מתפללי הביהמ"ד מקבל שבת געווען מיט אן אויסטערלישער התלהבות, וועלכע איז פארגעדאווענט געווארן מיט גרויס געהויבנקייט.

שוין אין די פריע פארטאגס שטונדן בצפרא דשבתא איז דער היכל הביהמ"ד געווארן באזעצט מיט אידן וועלכע האבן מקיים געווען דעם מקדמין לבי כנישתא, אויסנוצנדיג דעם געשמאקן לופטיגן היכל הבית המדרש אויף צו לערנען בהשכמה און זיך צוגרייטן צום דאווענען כראוי וכנכון.

דער היכל הבית המדרש איז איינגעריכט געווארן מיט אלע צוגעהערן און געברויכן פאר די לומדי תורה, א פראכטפולער און הערליך-מסודר'דיגער "אוצר הספרים"; א גרויסער "קאווע שטיבל" און אלע אנדערע הצטרכות'ער, אזוי אז דער היכל הביהמ"ד איז אויסגעשטעלט און געאייגנט ווי א פאסיגער "היכל התורה", געניי ווי אין אלע אנדערע סאַטמאַרער צענטער איבער די וועלט, ווי אידן זענען זיך קובע עתים לתורה ברוב עם הדרת מלך.

די עליות לתורה זענען פארקויפט געווארן פאר גרויסע סכומים, און עס האבן עולה געווען לתורה נדיבים בעם, פני הקהילה ונדיבים בעם שיחיו, וועלכע האבן זיך געלאזט קאסטן סכומים נכבדים למען קרן הבנין ולהחזקת הביהמ"ד, אויסצוצאלן די קאסטבארע אונטערנעמונגען וועלכע האבן זיך געפאדערט צוצושטעלן אזא הערליכע בית מקדש מעט.

באלד נאכן דאווענען האט זיך דער גרויסער ציבור מתפללי הביהמ"ד צוגעזעצט צו די גרויסארטיגע "קידושא רבה" לכבוד די געהויבענע געלעגנהייט, מיטן פערזענליכן השתתפות פון כ"ק גאב"ד סאַטמאַר-מאָנטרעאַל שליט"א וועלכע איז זענען געקומען זיך מיטפרייען און מיטהאלטן די געהויבענע מאורע, און גלייכצייטיג שעפן הויפענס מיט קורת רוח פון דעם הערליכן בית המדרש וואס שטייט תחת הדרכתו והשפעתו.

עס איז געווען אן ערהאבן בילד זיך צוצוקוקן צו די שמחה פונעם ברייטן ציבור, וועלכע האבן זיך משמח געווען צום געהויבענעם מאמענט מיט א שטארקע התרגשות, זינגענדיג ניגוני שמחה לכבוד המאורע, און זיך וואונטשענדיג: כה לחי!

דער ציבור איז זיך צעגאנגען מיט געהויבענע געפילן, וואונטשענדיג איינער פארן אנדערן אז מען זאל האבן די זכי' מרומם צו זיין דער קרן התורה ועבודה ביתר שאת ועוז.

## דבי רעווא דרעווין:

די לעצטע באטייליגטע ביים געהויבענעם "קידושא רבה" האבן נאך קוים עספיעט צו פארלאזן דעם היכל הביהמ"ד, און שוין האבן געשטראמט אידן מקיים צו זיין דעם 'שינה בשבת תענוג' אין די בחינה פון 'כל השונה הלכות'. אויסנוצנדיג דער זמן פון שבת נאכמיטאג אויף אריינצוכאפן א בלאט גמרא, א סעיף אין שלחן ערוך, לערנען פרקי אבות מיט די קינדערלעך, א.א.וו.

אויב איז דער גאנצער שב"ק געווען אין די בחינה פון 'לעילא מן כל ברכתא' איז געווען דער זמן פון רעווא דרעווין ווערד באצייכנט צו ווערן אלס 'לעילא ולעילא', אויף א זעלטן-התרוממות'דיגן שטייגער.

דער ציבור האט זיך געוואשן צו סעודת רעווא דרעווין, זינגענדיג די זמירות לשלש סעודות כנהוג, וואס איז נאכגעפאלגט געווארן מיט דברי תורה, ווען עס האט משמיע געווען גאר ווארימע דברי התעוררות דער חשובער דיין, הרב הגאון רבי מנחם מענדל ווערצבערגער שליט"א דומ"ץ הביהמ"ד.

זיך נישט קענענדיג אנזעטיגן פונעם גייסטרייכן שבת קודש, איז דער ציבור ווידער זיך צוזאמגעקומען אין היכל הביהמ"ד צו פראווען די ווענטליכע "מלוה דמלכה", וועלכע איז אפגעראכטן געווארן

אויף א ספעציעל-געהויבענעם שטייגער, לרגל די יומא דהילולא קדישא פון מרן הגה"ק רבי שלום אליעזר מ'ראצפערט זצ"ל.

## הכל בתר רישא גרירא...

דער גאנצער שבת קודש איז געפראוועט געווארן ברוב פאר והדר מיט א גאר געהויבענעם געפיל, און איז פארוואנדלט געווארן אין איין לאנגער קייט פון התרוממות הנפש און שמחה דקדושה ביי זקנים עם נערים. אנגעהויבן פון די זקני הקהילה, די קצינים ונכבדים, בעלי בתים חשובים, און געענדיגט ביי די געהויבענע אינגעלייט און בחורי חמד פון די הערליכע סאַטמאַר-מאָנטרעאַל'ער קהילה.

נאך אזא גייסטרייכער און מלא תוכנ'דיגער שבת קודש וועלכע האט געדינט אלס פאסיגע "התחלה", איז נישט קיין חידוש אז אז דער נייער הערליכער בית מקדש מעט איז פארוואנדלט געווארן אלס דער כבוד און א שטאלץ פאר ק"ק סאַטמאַר אין מאָנטרעאַל יע"א, און איז געוויס א געוואלדיגער נחת רוח לנשמתו הטהורה פונעם גרויסן מייסד הקהילה, מרן הגה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע, וממשיך דרכו בקודש מרן הגה"ק בעל ברך משה מסאַטמאַר זי"ע, צוזעענדיג די הייליגע המשכה אויף אזא הערליכן פארנעם.

זינט דער נייער און פראכטפולער בית מקדש מעט איז צום ערשטן מאל נתחנך געווארן - האט מען וואך נאך וואך געקענט טאפן אין די לופטן דער התרגשות'דיגער און ברודערליכער געפיל וואס האט ארומגענומען יעדן איינעם, דער פראכטפולער און הערליכער היכל הבית המדרש איז וועכנטליך געווען מלא על כל גדותיו, ווען פרישע מתפללים שיחיו האבן איבערגעפולט די ספסלי בית המדרש, צי ביי די שמחות וועלכע זענען געפראוועט געווארן בשבת אחים גם יחד צווישן די מתפללי הבית המדרש.

אזוי אויך אין די ימות החול איז דער היכל הבית המדרש אויסגעשטיגן אלס א צענטערפונקט פאר לימוד התורה אויף א אויסטערליש-שטארקן פארנעם, דינענדיג אלס דער פאסיגער מקום מוכשר פאר לומדי תורה פון איבעראל, בעלי בתים ואברכים שיחיו זענען זיך קובע עתים מיט א קביעות גמור און טעגליכע שיעורים תמידין כסדרן, ללמוד וללמד.

אין די זעלבע צייט האבן זיך די חשובע עסקנים דערזעהן אין א פראבלעם, ווי איינע פון די אקטיווע עסקנים למען קרן בנין הביהמ"ד האט זיך פאסיג אויסגעדרוקט: "טראץ אונזערע אויסטערלישע הצלחה און סייעתא דשמיא ביז אהער, האבן מיר זיך אבער דערזעהן אין א גרויסן 'פראבלעם', כאפנדיג א בליק אויפן פול-געפאקטן ביהמ"ד וואס איז מלא וגדוש יעדע וואך מן הקצה אל הקצה מיט זקנים עם נערים וועלכע האבן זיך קובע מקום געווען אינעם נייעם בית המדרש, שטעלט זיך ארויס אז דער ביהמ"ד איז עטוואס ענג אין פלאץ...".

ווי פאסיג איז צוזושטעלן דערצו די באקאנטע מליצה וואס מרן הגה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע האט געזאגט ביים עפענונג פונעם גרויסן בנין הישיבה אויף סענז סטריט אין ניו יארק, אז בשעת מען פייערט דעם "ברוך אתה בבואך" דארף מען שוין נעמען אין באטראכט אז מען וועט נישט קענען פארבלייבן



דא פאר א לענגערע צייט, און בקרוב ממש וועט מען זיך דארפן וואונטשן די ברכה פון "ברוך אתה בצאתך"...

## ברוך אתה בעיר, וברוך אתה בשדה

ביז געציילטע וואכן דערנאך האט זיך דער ציבור תושבי העיר ארויסגעצויגן אויף די בערג, צו פארברענגען אין לויף פון די חדשי הקיץ, באזונדער איז זיך שוין אנדערש ארויסגעפארן אינעם פראכטפולן זוממער-קרי', שפירנדיג דעם זעלבן "ברוך אתה בשדה" גענוי ווי "ברוך אתה בעיר", פארברענגענדיג מיט די זעלבע חבריא קדושה בשבת אחים גם יחד, מיט א פראכטפולער רחבת ידים'דיגער ליכטיגער בית המדרש, צוגערישט מיט אלע באקוועמליכקייטן לטובת המתפללים והלומדים, שטיבלעך לתורה ולתפלה, א גרויסע מקוה, און אלעס וואס פעלט זיך אויס לתועלת תושבי הקרי', תחת נשיאת הקודש פון מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א.

דער ציבור האט זיך טאקע אויסגעריהט אין קאנטרי, אבער די עסקנים החשובים חברי ועד הביהמ"ד זענען נישט געשלאפן, זיי האבן געארבעט איבערמידליך אהערצושטעלן דעם ביהמ"ד מיט

אלע הצטרכות'ער און באקוועמליכקייט, צוצורישן א רייכן ווינטער מיט שיעורים תמידין און אלע רוחניות'דיגע אונטערנעמונגען, אזוי אז ווען דער ציבור קומט צוריק אהיים, זאל שוין אלעס זיין כשלחן הערוך ומוכן לאכול.

## התרוממות'דיגער ימים-טובים-סעזאָן

און טאקע שווערליך האבן זיך סאַטמאַרער חסידים אין מאנטריאל געזעגנט פון די התעוררות'דיגע ימי הרחמים והרצון און גייסטרייכער זמן שמחתינו, ווען די פילצאליגע חברי הקהילה ומתפללי היכל בית המדרש החדש "התאחדות אברכים" דקהל יטב לב דסאַטמאַר האבן מיטגעלעבט דעם הרחבת גבולי הקדושה אויף אזא הערליכן פארנעם.



במשך די ימי הרחמים והרצון, און דורכאויס די פייערליכע ימי חג הסוכות, האט א ריזן ציבור בכמות ובאיכות מיטגעהאלטן די תפילות וואס איז געדאווענט געווארן ברוב עם הדרת מלך מיט א ווארעמקייט און אויסטערלישע התלהבות, און וועט פארבלייבן איינגעקריצט אין די הערצער פון אלע באטייליגטע אויף א לענגערע צייט.

דער גאנצער ימים-טובים-סעזאן איז געפראוועט געווארן ברוב פאר והדר מיט א גאר געהויבענעם געפיל, און איז פארוואנדלט געווארן אין איין לאנגער קייט פון התרוממות הנפש און שמחה דקדושה ביי זקנים עם נערים.

## הכנה לחג:

אלס אן הכנה צו ראש השנה, יום הקדוש, און חג הסוכות, איז צוגעשטעלט געווארן א ספעציעלער גייסטרייכער שיעור נפלא, וועלכע עס האט משמיע געווען הגה"צ דומ"ץ הביהמ"ד שליט"א וואס איז ברייט בארימט מיט זיינע שיעורים נפלאים, וואס איז טאקע געווען צום דערקענען דורכן השתתפות פון א ריזן ציבור.

ביי די רייכע "שיעורים כלליים" פונעם דיין שליט"א איז דער ציבור באקאנט געווארן מיט די גאר וויכטיגע הלכות ודינים וועלכע זענען נוגע אויף יום טוב הלכה למעשה, און איז באגלייט געווארן מיט ווערדפולע ידיעות פון וואס די משתתפי השיעור האבן אויסטערליש נהנה געווען.

זייענדיג אנגעזאפט מיט עניני הלכה וחסידות צום הייליגן יום טוב, האט דאס געדינט אלס דער ריכטיגער אריינפיר צו די נאכפאלגנדע ימי הרחמים והרצון.

## תפילות ברוב עם הדרת מלך:

אריינקומענדיג אינעם היכל הבית המדרש אום א' סליחות האט מען געקענט טאפן אין די לופטן דער התרגשות'דיגער געפיל וואס האט ארומגענומען יעדן איינעם, און אזוי אויך האט זיך געשפירט א ספעציעלער התעוררות ביי אמירת הסליחות ערב ראש השנה, ווען דער ציבור האט געזאגט די פיוטים בהתעוררות רב.

דעם ערשטן טאג ראש השנה האט פארגעדאווענט תפלת שחרית האברך החשוב הר"ר ישראל בריעף שליט"א בן הגה"צ איבראן שליט"א, און דעם צווייטן טאג האט יורד געווען לפני התיבה הרה"ח רבי ישראל אביגדור סאמעט שליט"א מזקני תלמידי מרן הגה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע, וועלכע האבן אריינגעברענגט א ווארעמער און דערהויבענער שטימונג.

די תפילות מוסף האט פארגעדאווענט במתיקות ובקול ערב הר"ר דוד ב"ר מענדל עקשטיין שליט"א מרבני מבצר הכוללים ד'קרית יואל, וועלכער האט שטארק מעורר געווען דעם ריזן ציבור בהתעוררות רב.

א ספעציעלער התעוררות'דיגער שטימונג האט ארומגענומען אלע מתפללי הבית המדרש, ווען הגה"צ דער חשובער דיין שליט"א האט משמיע געווען הארציגע דברי כיבושין בעפאר תקיעת שופר, זייענדיג מעורר לבבות ישראל לתשובה ופשפוש המעשים.

דאן האט דער דיין שליט"א געדינט אלס בעל מקריא, ווען דער בעל תוקע איז הרה"ג ר' מרדכי הערש גאלדמאן שליט"א וועלכער גיבט זיך כסדר אפ למען הרבצת התורה בתוככי ק"ק סאַטמאַר מאָנטרעאַל.

און אויב איז דער דערהויבענער יום טוב ראש השנה פאראיבער אין די בחינה פון 'לעילא מן כל ברכתא' איז געוויס דער הייליגער טאג יום הקדוש פארצייכנט געווארן אלס 'לעילא ולעילא', אויף א זעלטן-

התעוררות'דיגן שטייגער.

צו די פארכטיגע תפילה פון כל נדרי, און אזוי אויך צו מוסף און תפילת נעילה, האט יורד געווען לפני התיבה א חשובער אורח פון ק"ק קרית יואל יע"א הרה"ג רבי דוד יצחק ווערצבערגער שליט"א מו"ץ קרית יואל, וואס אלס בארימטער בעל תפילה האט ער ווירקליך געשטעלט דעם טאן אין בית המדרש.

זייענדיג א זון פונעם הוניאד'ער רב שליט"א פון קרית יואל, וועלכער פלעגט אין לויף פון לאנגע יארן פארדאווענען אין ק"ק סאַטמאַר מאָנטרעאַל, האט דאס דאווענען ערוועקט זיסע זכרונות ביי א גרויסער טייל פון די מתפללים.

מיט תפילת שחרית איז מכובד געווען הרבני הנגיד מוה"ר משה יצחק שטערנליכט הי"ו, און בעת נעילת שער, בעפאר זיך שטעלן דאווענען תפילת נעילה, האט הגה"צ דער דיין שליט"א ווידעראמאל משמיע געווען דברי כיבושין מיט א אויסטערלישע התעוררות, ארויסברענגענדיג די פאסיגע מחשבות וואס א איד דארף צו האבן אין אזא פארכטיגן מאמענט.

דער רושם כביר פון די התעוררות'דיגע ווערטער איז געווען צום דערקענען אויפן גאנצן דאווענען, וועלכע איז צוגעגאנגען מיט א אויסטערלישער השתפכות הנפש און ווארעמקייט.

## כי חג ד' לנו, זה חג הסוכות:

לכבוד יום טוב איז אויפגעשטעלט געווארן א הערליכע גרויסע און הרחבה'דיגע סוכה לכבוד ולתפארת הארט נעבן דעם פראכטפולן היכל הבית המדרש. די הערליכע סוכה האט טאקע געדינט אלס צענטערפונקט פאר אלע חברי הקהילה ווען מען איז זיך צוזאמגעקומען צו פראווען די פייערליכע כינוסי שמחת בית השואבה און סעודות אושפיזין בצוותא חדא מיט גרויס דערהויבנקייט.

דורכאויס די ימי החג זענען די תפילות צוגעגאנגען מיט גרויס התרוממות, דער היכל הבית המדרש איז איינגערישט געווארן מיט אלע צוגעהערן און געברויכן פאר די לומדי תורה, דער פראכטפולער און הערליך-מסודר'דיגער "אוצר הספרים" און אלע אנדערע הצטרכות'ער האבן געדינט גענוי ווי אין אלע אנדערע סאַטמאַרער צענטער איבער די וועלט, ווי אידן זענען זיך קובע עתים לתורה ברוב עם הדרת מלך.

ביי דער געלעגנהייט זענען צוגעשטעלט געווארן הערליכע שיעורים, מקיים צו זיין דעם מאמר חז"ל "לא נתנו שבתות וימים טובים לישראל אלא כדי שיעסקו בהם בתורה", א שטייגער ווי דער הערליכער שיעור וועלכע איז פארגעלערנט געווארן דורך הרה"ג רבי לוי יצחק סופר שליט"א מרבני הכולל ד'סאַטמאַר, איבער די פארוויקלטע נושא פון 'הרכבת אתרוגים', אדער דער רייכער שיעור אין 'קהלת' וועלכע איז פארגעלערנט געווארן הרה"ג ר' שמואל גרובער שליט"א באגלייט בדברי מוסר ואגדה.

א ספעציעלער רושם האט איבערגעלאזט דער שיעור נפלא וועלכע עס איז געהערט געווארן דורך הגה"צ רבי יעקב אלי' אונדסדארפער שליט"א גאב"ד ראשית חכמה, וואס אלע באטייליגטע האבן געשלונגען מיט דורשט.

אין די לעצטע יארן האט די הנהלת התאחדות אברכים אריינגעלייגט ספעציעלע כוחות אהערצושטעלן גאר שיינע און געלונגענע שיעורים, עס ווערט געמאכט די מאקסימאלסטע אנשטרענגונגען צו עררייכן די בעסטע מגידים און דרשנים, און מען האט זיך געקליבן מגידים מפורסמים אין די גאס וועלכע זענען געאייגנט לויט'ן סטאנדארט פון "קהל יטב לב ד'סאַטמאַר", אזוי אז עס איז ברוך השם געלונגען אהערצושטעלן גאר שיינע, אינטערעסאנטע און באלערנדע שיעורים.

אין די טעג ווען דער ציבור געווען פארנומען מיט די הכנות צום יום טוב זענען די חשובע עסקנים געווען פארנומען מיט טעלעפאנישע פארבינדונגען מיט א ריי חשוב'ע דרשנים, אויסצוארבעטן א צאל הערליכע געאייגנטע שיעורים פאר די ימי חול המועד הבעל"ט.

און ברוך השם עס איז געלונגען אויסצוארבעטן און אהערצושטעלן שיעורים נפלאים וועלכע האבן געהאלטן געשפאנט דעם ציבור, און האט גענאסן פון א שטארקע אינטערעסע נישט נאר ביי די הונדערטער אנשי שלומינו, נאר די שיעורי תורה זענען געווען ווי א מאגנעט וואס איר צוציאונגס קראפט האט אריינגעצויגן אויך אסאך אנדערע אידן תושבי העיר וועלכע האבן געשלונגען מיט דורשט און האבן זיך אנגעשעפט מיט תוכן'דיגע ענינים.

## אושפיזא דאהרן כהנא קדישא:

גאר א געהויבענער און ספעציעלער שמחת בית השואבה איז אפגעראכטן געווארן אין טאג פון די אושפיזא דאהרן כהנא קדישא, וואס ווערט אפגעצייכנט דורך תלמידי וחסידי סאַטמאַר איבער די וועלט מיט גרויס פייערליך, דינענדיג אלס דעם יום האושפיזא פון מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א, האט זיך טאקע דער גרויסער ציבור חברי הקהילה צוזאמגעזאמלט לכבוד די געהויבענע געלעגנהייט, מיטן פערזענליכן השתתפות פון כ"ק גאב"ד סאַטמאַר-מאָנטרעאַל שליט"א וועלכע איז זענען געקומען זיך מיטפרייען און מיטהאלטן די געהויבענע מאורע, און גלייכצייטיג שעפן הויפענס מיט קורת רוח פון דעם הערליכן בית המדרש וואס שטייט תחת הדרכתו והשפעתו.

עס איז געווען אן ערהאבן בילד זיך צוצוקוקן צו די שמחה פונעם בריטן

ציבור, וועלכע האבן זיך משמח געווען צום געהויבענעם מאמענט מיט א שטארקע התרגשות, זינגענדיג ניגוני שמחה לכבוד המאורע, און זיך וואונטשענדיג: כה לחי!

דער ציבור איז זיך צעגאנגען מיט געהויבענע געפילן, וואונטשענדיג איינער פארן אנדערן אז מען זאל האבן די זכי' מרומם צו זיין דער קרן התורה ועבודה ביתר שאת ועוז.

## מעמד "קביעת עתים לתורה"

אריינטרעטנדיג אינעם סאמע אנהויב פונעם ווינטער זמן איז פאררופן געווארן א גרויסארטיגער מעמד "קביעת עתים לתורה" וואו מען האט פאראורזאכט א רוח של תורה צום זמן החורף.

א ספעציעלע אינטערעסע האט ארויסגערופן דער באטייליגונג פונעם חשובן גאסט פון קרית יואל, הר"ר יואל וויינבערגער שליט"א מנהל 'קביעת עתים לתורה' אין קרית יואל, וועלכער איז ספעציעל געקומען צופארן צום מעמד מרומם צו זיין דעם קרן התורה צווישן תלמידי וחסידי סאַטמאַר אין מאָנטרעאַל – געניו ווי הר"ר יואל שליט"א איז עוסק יומם ולילה אין ק"ק קרית יואל יע"א - צום התחלת זמן החורף.

אלס יושב ראש המעמד האט געדינט הרה"ג ר' הערשל גאלדבערגער שליט"א מגיד שיעור במסגרת חבורת "יסודי התורה" בהיכל הביהמ"ד, וועלכער לערנט פאר דעם טעגליכן שיעור בטוב טעם ודעת, מיטן באטייליגונג פון א הערליכן צאל מקשיבים.

מיט כבוד האבן זיך די חברי הקהילה, זקנים עם נערים, צוגעהערט צו די ווערטער פונעם חשובן דיין שליט"א וועלכער האט צוגעברענגט די הלכה מפורשת אין רמב"ם (הל' ת"ת פ"א) און אין שולחן ערוך (יו"ד סי' רמ"ו) אז "כל איש ישראל חייב בתלמוד תורה, בין עני בין עשיר, בין שלם בגופו בין בעל יסורים, בין בחור בין זקן גדול, אפילו עני המחזר על הפתחים, אפילו בעל אשה ובנים חייב לקבוע לו זמן לתלמוד תורה ביום ובלילה, שנאמר (יהושע א') והגית בו יומם ולילה".

"אט דער חוב פון קביעת עתים לתורה איז א חוב אויף יעדן איד מעיקרא דדינא" - האט הגה"צ דער דיין שליט"א אויפגעפאדערט - "עס איז נישט עפעס א 'שיינער איינפיר', נאר ס'איז א קלארע הלכה וואס טוט פארפליכטן יעדן איד וואס פירט זיך עפ"י שולחן ערוך, איר אויסצופאלגן".

דערביי האט דער דיין שליט"א באטאנט אז א איד וואס איז זוכה צו זיין א קובע עתים לתורה, ער איז זיך קובע א שיעור, און ער הארעוועט אינעם שיעור, ער לערנט דעם שיעור מיט א פונקטליכקייט ובקביעות, דער איד איז זוכה צו ווערן אנגערופן א "בן תורה", טראצדעם וואס דער חוב צו ברענגען פרנסה האט אים שוין ארויסגעפירט מבין כותלי בית המדרש איבערן טאג.

דער חשובער גאסט פון קרית יואל הר"ר יואל וויינבערגער שליט"א מנהל 'קביעת עתים לתורה' האט געשילדערט דעם געשמאקן געפיל וואס א יעדער שפירט ווען ער ווייסט אז ער האט מקדיש געווען צוויי מאל אין טאג אויף לימוד התורה, און דערביי האט ער איבערגע'חזר'ט דאס ווארט וואס מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א האט געזאגט ביי א געלעגנהייט אויפן פסוק "בבוקר מי יתן ערב", אז זעענדיג אז יעדן אויפדערנאכט איז דער בית המדרש פול געפאקט מיט לומדי תורה, דארף זיך שאפן א התעוררות אז "בבוקר" אינדערפרי זאל מען זאגן, "מי יתן ערב", הלואי זאל עס אויסזעהן פונקט ווי אויפדערנאכט!

דער ציבור איז זיך צעגאנגען מיט געהויבענע געפילן, וואונטשענדיג איינער פארן אנדערן אז מען זאל האבן די זכי' מרומם צו זיין דער קרן התורה ועבודה ביתר שאת ועוז.

## מקדמין ומחשכין לבי כנישתא

אין די זעלבע צייט ווערט אויפגענומען די בשורה אז פילצאליגע לומדי תורה האבן זיך טאקע אנגעשלאסן במסגרת "כולל בוקר" ד'סאַטמאַר, וועלכע טוט בעז"ה פאראורזאכן אז שוין אין די פריע פארטאגס שטונדן איז דער היכל הביהמ"ד באזעצט מיט אידן וועלכע זענען מקיים דעם מקדמין לבי כנישתא, אויסנוצנדיג דעם געשמאקן לופטיגן היכל הבית המדרש אויף צו לערנען בהשכמה און זיך צוגרייטן צום דאווענען כראוי וכנכון.

האבנדיג אזא היכל הבית המדרש וועלכע איז איינגערישט געווארן מיט אלע צוגעהערן און געברויכן פאר די לומדי תורה, א פראכטפולער און הערליך-מסודר'דיגער "אוצר הספרים"; א גרויסער "קאווע שטיבל" און אלע אנדערע הצטרכות'ער, איז דער היכל הביהמ"ד אויסגעשטעלט און געאייגנט אלס דער פאסיגער "היכל התורה", געניו ווי אין אלע אנדערע סאַטמאַרער צענטער איבער די וועלט, ווי אידן זענען זיך קובע עתים לתורה ברוב עם הדרת מלך.

## בן בטחו: מעמד "סעודת הודאה וסיום מסכת"

דעם געהויבענעם טאג כ"א כסלו העעל"ט איז אויסגענוצט געווארן זיך צו פרייען מיט די שמחה הכפולה - די שמחה הגדולה פון הצלת מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע און גלייכצייטיג די געהויבענע "שמחת התורה" ביים מסיים זיין "מסכת סוטה" אין ראם פון חבורת "יסודי התורה", וועלכע איז אדורכגעלערנט געווארן מיטן גרויסן ריבוי עם פון נאנט צו הונדערט חברי הקהילה הי"ו.

"חבורת יסודי התורה" איז פאר סאַטמאַרער חסידים איבער די גאנצע וועלט ווי א צויבער ווארט, דאס איז די חבורה וואס האט אריינגעברענגט אין די הערצער פון אלופי אלפי ישראל א געוואלדיגע חשקת התורה, דאס איז די חבורה וואס ציעט אריין טעגליך – ווי א מאגנעטישן כח - טויזנטער אידן פון אלע סאַטמאַרער צענטערן אין היכלי התורה צו לערנען ברוב עם הדרת מלך.

און טאקע אויך דאהי, אינערהאלב ק"ק סאטמאר אין מאנטרעאל יע"א - טוט זיך יעדער איינער אנקוועלן צוזעענדיג ווי דער נייער הערליכער מקום תורה ווירבלט מיט אירע פילצאליגע בני תורה, עס איז א פרייד און א פארגעניגן הערנדיג דעם אפקלינגענדן קול אדיר וחזק פון אזא מקום תורה דרבים, וואו אזא הערליכער ציבור אידן זיצן און לערנען מיט אזא חיות און געשמאק.

סיי ביים טעגליכן שיעור פון הרה"ג ר' הערשל גאלדבערגער שליט"א מגיד שיעור במסגרת חבורת "יסודי התורה" וועלכער לערנט פאר דעם טעגליכן שיעור אין ראם פון חבורת יסודי התורה בטוב טעם ודעת, מיטן באטייליגונג פון א הערליכן צאל מקשיבים, און אזוי אויך א יעדן אינדערפרי בהשכמה ביים שיעור פון הרבני החסיד מוה"ר ברוך אברהם פערלמוטער הי"ו אינעם סאטמארן ביהמ"ד אויף די האטשעסען גאס, וואו די חברי הקהילה זענען זיך מאחד מיטן כח הרבים פון אלפי ישראל מכל קצוי תבל וועלכע ווילן זיין אנגעקניפט באילנא דחיי מיט א רוחניות'דיגן קשר.

אצינד, ווען מען האט זוכה געווען לברך על המוגמר, און מען האט זיך געגרייט מסיים צו זיין די ערשטע מסכתא וועלכע איז געלערנט געווארן ברבים, האט די מאורע נאטורליך ארויסגערופן א שטארקע אינטערעסע און דערהויבענער שטימונג צווישן אלע תלמידי וחסידי סאטמאר אין די שטאט.

דער חשובער משמש הביהמ"ד מוה"ר פישל סופר הי"ו אריינגעלייגט גרויסע כוחות צוצוגרייטן דעם גרויסן מעמד, וועלכע איז געווען הערליך צוגעשטעלט לרגל המאורע ולכבודה של תורה, און דער גאנצער היכל הביהמ"ד איז בליץ שנעל איבערגעפילט געווארן דורכן ציבור משתתפים בליעה"ר.

דער אויבן אן איז געווען באשיינט מיט דאס השתתפות פון הרבנים הגאונים וצדיקים רבני העיר שליט"א, א שטייגער ווי: הגה"צ רבי יהונתן בנימין ווייס שליט"א אבד"ק מאנטרעאל; הגה"צ רבי ישעי' יעקב פארטוגאל שליט"א אבד"ק מאור הגולה בנו הגדול של כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א; הגה"צ רבי אהרן האגער שליט"א רב דק"ק אהבת ישראל וויזניץ; הגה"צ רבי יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א גאב"ד ראשית חכמה; הגה"צ רבי




מנחם מענדל ווערצבערגער שליט"א דומ"ץ; הגה"צ רבי יעקב אייזן שליט"א מגיד מישרים במאנטרעאל; הרה"ג רבי עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט"א ר"מ ישיבת תורת משה ד'סאטמאר מאנטרעאל בן כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א; הרה"ג רבי דוד טעביל גאטליעב שליט"א מנה"ר ת"ת תורת משה ד'סאטמאר; און נאך.

א ברייטע סעודה איז סערווירט געווארן פארן גאנצן ציבור לכבוד יום ההצלה והשחרור פונעם רבי'ן זי"ע, און א קאפעליע מנגנים האבן במשך די גאנצע צייט מהנה געווען מיט נגינה לכבוד היום ולכבוד המאורע.

## נואם הכבוד:

א ספעציעלער אפקלאנג האט געהאט די פייערדיגע דרשה פונעם "נואם הכבוד" הרה"ג רבי בנימין ליכטענשטיין שליט"א ר"מ בישיבת "היכל התורה" דסאטמאר ויו"ר ועד החינוך שע"י מוסדות סאטמאר אין וויליאמסבורג, וועלכער האט נאנט צו א שטונדע צייט געהאלטן געשפאנט דעם ציבור בדברים חוצבים להבות אש, און האט ברייט ארומגערעדט איבערן געהויבענעם

מאמענט, און וואס אזא ספעציעלער טאג ווי כ"א כסליו באדייט פאר תלמידי וחסידי סאטמאר.

בין הדברים האט דער חשובער גאסט באזונדער ארויסגעהויבן לשבח פונעם הערליכן מקום תורה און היכל הבית המדרש, ארויסגעברענגענדיג זיינע הרגשים אלס גאסט אויף א וויל, ווי עס איז צום דערקענען דער אויסטערלישע השפעה וואס דער נייער מקום תורה האט געהאט אויף אלע חברי הקהילה, וויאזוי



מען האט בעז"ה באוויזן מיט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא אריינצושפרינגען אין א געוואונטשענער אונטערנעמונג, דורכן שאפן אן הרחבה'דיגער ארט וועלכע וועט אהערגעשטעלט ווערן אלס א פאסיגער מקום תורה ותפילה פאר סאַטמאַרער חסידים מיטן הייליגן ציהל: זיך צו פירן על דרך התורה וחסידות כאוות נפשם פון מרנן רבותיה"ק זי"ע ותחת נשיאת קדשו פונעם גרויסן רבן של ישראל מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א.

נאך די דרשה האט דער ציבור זיך ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן ריקוד לכבוד היום כ"א כסלו, וואס האט אנגעהאלטן א לענגערע צייט מיט גרויס התלהבות.

### דברות קודש פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א:

א ספאנטאנער שטילקייט און יראת הכבוד האט ארומגענומען דעם גאנצן ציבור ווען עס איז געמאלדן געווארן אז מען וועט האבן די זכי' צו הערן מדברות קדשו פונעם גרויסן מנהיג העדה מרן הגה"ק סאטמאר שליט"א, וועלכער וועט משמיע זיין דברי אלקים חיים לרגל המאורע, דורך א טעלעפאנישער הוק-אפ.

מיט געציילטע ווערטער האט דער רבי שליט"א שטארק ארויסגעהויבן די שמיעות טובות וואס מען טוט ערהאלטן פון קהילה נאה וחסידה אין מאנטרעאל יע"א, און האט דערביי שטארק מעודד געווען אלע חברי הקהילה, זקנים עם נערים, ממשיך צו זיין וויטער ביתר שאת ועוז, לנחת רוחם פון מרנן רבותיה"ק זי"ע, און צוגעוואונטשן ברכות לרוב פאר אלע לומדי החבורה בפרט, און חברי הקהילה בכלל, בכל מילי דמיטב.

ווידעראמאל האבן זיך אלע חברי הקהילה ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן טאנץ לרגל המאורע, און אין די שפעטע שעה'ן איז מען זיך צעגאנגען מיט געהויבענע געפילן און פולע באגאדזשן חיזוק, וואונטשענדיג איינער פארן אנדערן אז מען זאל האבן די זכי' מרומם צו זיין דער קרן התורה ועבודה ביתר שאת ועוז.

### תורה אור: הערליכער יו"ט חנוכה בהיכל הביהמ"ד

דורכאויס די ימי החנוכה האט באשיינפערליך פארטייטשט געווארן די ווערטער פון "כי נר מצוה, ותורה אור", ווען דער הערליכער היכל הבית המדרש איז געווען צום דערקענען במלואה מיט איר פראכט און גלאנץ. אנגעהויבן ביי די הערליכע חנוכה מסיבות בשבת אחים גם יחד; סיי מיט די הערליכע שיעורים לכבוד חנוכה; און ספעציעל "זאת חנוכה" ווען עס איז מיטגעהאלטן געווארן א טעלעפאנישער הוק-אפ פונעם דרוש ופלפול וואס עס האט משמיע געווען מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, און האט אריינגעברענגט דעם גאנצן ציבור בחדוותא דאורייתא.

### מידי מועד במועדו, ומידי חג בחג

(הערת הכותב: זעענדיג אז דאס ארט ווערט ענג, און דיו אילו ימי וועלן מיר נישט ערמעגליכט ווערן צו שילדערן אן אמת'דיגן בליק אויף 'אלע' פעולות קדושות אינערהאלב דעם הערליכן תורה-ותפילה- צענטער, וועלן מיר זיין געצווינגען מקצר צו זיין...)

### חג הפורים:

דער פרייליכער יום טוב פורים איז אפגעראכטן געווארן מיט גרויס געהויבנקייט און פייערליכקייט, אנגעהויבן מיט די הערליכע שיעורים בעפאר יום טוב, דערנאך ביים התעוררות'דיגן קריאת המגילה, און אזוי אויך נאכן דאווענען ווען מען האט מקיים געווען דעם 'מנהג העיר', זיך ארויסצולאזן אין א טאנץ בהיכל הביהמ"ד, ווי עס איז

איינגעפירט אין מאנטרעאל יע"א רבות בשנים.

פורים אויפדערנאכט זענען זיך די חברי הקהילה צוזאמגעקומען בהיכל הביהמ"ד, וואו מען האט געפראוועט מיט ניגוני התעוררות ושמחה, און דאס זעלביגע האט זיך איבערגעשפילט אום שושן פורים, ווען א קבוצה פון עטליכע חשובע טאלאנטפולע אינגעלייט, בני הקהילה שיחיו, האבן פרעזענטירט א הערליכער שפיל, לשמוח בשמחת החג.

## וכך מעשהו בחג הפסח:

זיך גרייטנדיג בהכנה דרבה צום יו"ט האט זיך דער ציבור צוגעגרייט מיט די הערליכע און תוכנ'פולע "שיעורי הכנה לחג" וועלכע איז פארגעלערנט געווארן דורכן חשובן דיין שליט"א, מיט וואס מען האט זיך צוגעגרייט כראוי וכנכון.

באזונדער האט ארויסגערופן אן אינטערעסע דער שיעור פון הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד סקווירא, וועלכער האט אנגענומען בקשת עסקני התאחדות אברכים, און דער שיעור נפלא איז טאקע מיטגעהאלטן געווארן דורך א ריזן ציבור חברי הקהילה, וועלכע זענען געקומען לשמוע את דבר ה'.

בשעת די צענטראלע דברי אלקים חיים פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א – ביי די "אסיפה כללית" חול המועד פסח בהיכל בית המדרש הגדול דסאטמאר אין וויליאמסבורג – איז דער היכל הביהמ"ד דאהי אין מאנטרעאל געווען אנגעפולט מיט תלמידי וחסידי סאטמאר, וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די דברות קודש, דורך א טעלעפאנישער הוק-אפ.

יומא דהילולא קדישא – כ"ו ניסן:

א הערליכער סעודת הילולא איז געפראוועט געווארן לרגל די יומא דהילולא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע, מיטן באטייליגונג פונעם ריזן ציבור חברי הקהילה, אין שפיץ פון כ"ק גאב"ד סאטמאר מאנטרעאל שליט"א, וועלכער האט זיך באטייליגט לכבודו פון חותנו הגדול רביה"ק זי"ע.

עס איז איבערגע'חזר'ט געווארן משנתו פונעם בעל ההילולא זי"ע, די הייליגע דרכים וואס ער האט געלערנט און געפאדערט; די הוראות והדרכות וואס ער האט כסדר אוועקגעשטעלט; און סאטמארער חסידים אין מאנטרעאל האבן מקבל געווען זיך צו האלטן צו זיינע הייליגע וועגן.

## פתיחת זמן הקיץ:

אריינטרעטנדיג אינעם זוממער-זמן איז פאררופן געווארן א גרויסארטיגער מעמד "פתיחת זמן הקיץ וואו מען האט פאראורזאכט א רוח של תורה צום זמן הקיץ.

א ספעציעלע אינטערעסע האט ארויסגערופן דער באטייליגונג פונעם אורח הדגול, הגה"צ רבי בנציון לאוב שליט"א מו"ץ קהל יטב לב דסאטמאר וויליאמסבורג, וועלכער איז ספעציעל געקומען צופאהרן צום מעמד מרומם צו זיין דעם קרן התורה צווישן תלמידי וחסידי סאַטמאַר אין מאָנטרעאַל צום התחלת זמן הקיץ.

גלייכצייטיג איז דער מאמענט אויסגענוצט געווארן – שטייענדיג אינעם יום המר והנמהר ה' אייר – איבערצו'חזר'ן די יסודות מוצקים וואס רבותינו הק' זי"ע האבן אוועקגעשטעלט איבער התבדלות מרשעים, און איבער די שרעקליכע מרידה במלכות שמים און התגרות באומות וואס די רשעי ישראל אין ארצינו הק' פאראורזאכן טאג טעגליך, מיטן עקזיסטענץ פון די מדינה הציונית, ר"ל.

---

בית המדרש
**בית שמואל בנימין**
**שע"י התאחדות אברכים**
דקהל יטב לב דסאטמאר - מאנטריאל יצ"ו
בהתייסדות כ"ק מרן רביהקוה"ט זי"ע
**בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

Congregation
Beis Shmiel Binyomin
**HISACHDIS AVREICHIM**
D'Satmar - Montreal
5870 Park Ave. Montreal Quebec H2V 4H3

# סדר השיעורים
## לימי הפסח הבעל"ט

**יום א' דפסח**
ידרוש
הרה"ג רבי **חיים אלעזר הירשפעלד** שליט"א
אחר תפלת מנחה
**בענינא דיומא**

**יום ב' דפסח**
ידרוש
הרה"ג רבי **אהרן קאהן** שליט"א
ר"מ בישיבת תורת חסד ירושלים
אחר תפלת מנחה
**חומרות בימי הפסח**

**יום א' דחול המועד**
**יתקיים הוק-אפ**
של דברות קודש מאת
**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**
אחר תפלת מעריב

**יום א' דחול המועד**
ידרוש
הגה"צ רבי **יוחנן וואזנער** שליט"א
ראב"ד דק"ק סקווירא, מח"ס שו"ת חי הלוי
אחר תפלת מנחה
**בהלכות דיני ממונות**

**שבת חול המועד**
ידרוש
הרה"ג רבי **יואל אשר פישער** שליט"א
מרבני כולל חושן משפט בקהלתינו הק'
בשעה 7:00
**בהלכה ואגדה**

**לא ניתנו מועדים בישראל אלא לעסוק בתורה**

---

## ל"ג בעומר:

זעלטענע פייערליכע מאמענטן האבן באנומען דעם ריזן ציבור חברי הקהילה דעם פארלאפענעם ל"ג בעומר, פראווענדיג די הילולא קדישא פון רבי שמעון בר יוחאי בהיכל הבית המדרש, בשבת אחים גם יחד.

צווישן אנדערן האבן אויפגעטרעטן: כ"ק גאב"ד סאטמאר מאנטרעאל שליט"א; הרה"ג רבי חיים אלטר בראך שליט"א; און הרה"ג רבי יחזקי' יואל סאמעט שליט"א; מרביצי תורה ומנכבדי ק"ק סאטמאר אין ניו יארק.

## תמידין כסדרן, מידי יום ביומו

אבער נישט בלויז ביי פייערליכע מאורעות מידי חג בחג הערשט א

התרוממות'דיגער שטימונג בהיכל הביהמ"ד, נאר טאג טעגליך ביי די שיעורים תמידין כסדרן וועלכע ווערן פארגעלערנט יעדן אויפדערנאכט דורכן חשובן דיין שליט"א – שלחן ערוך על סדר הסימנים; יעדן אויפדערנאכט במסגרת "חבורת יסודי התורה" דורך הרה"ג רבי הערשל גאלדבערגער שליט"א אינעם "חדר דוד ארי'" – נדבת לבבו פון הרבני החסיד רבי אברהם ווידער שליט"א ראה"ק וראש העיר ד'קרית יואל; יעדן "ליל שישי" אין ספרי קודש וספרי חסידות דורך הרה"ג רבי נתן בנימין עקשטיין שליט"א מרביץ תורה בקהלתינו; יעדן ערב יו"ט בהלכות החג.

דורכאויס די פארלאפענע חדשי החורף איז אדורכגעלערנט געווארן גאנץ יו"ד ח"ב העכסט-גרונטליך ביי די קלארע הלכה-שיעורים פון הגה"צ דומ"ץ הביהמ"ד שליט"א, מיט א הערליכן ציבור באטייליגטע.

אזוי אויך הערשט א ווארימער און ברודערליכער שטימונג א יעדן פרייטאגס צונאכטס, בליל שבת קודש, ווען דער ציבור קומט זיך צוזאם בזמירות שירות ותשבחות, טועם צו זיין מנועם



שבת; צי איז דאס א יעדן מוצאי שבת קודש ביי די וועכנטליכע "מלוה דמלכה", וואו מען פארברענגט בסיפורי צדיקים, און אלע ארומיגע ווערן מיטגעשלעפט מיטן גייסט פון התעלות.

א ספעציעלער חן געבט צו צום בית המדרש, ווען דער "ומקדשי תיראו" ווערט אפגעהיטן כראוי וכנכון, איבערהויפט מיט די איבערגעגעבענע הילף פון הר"ר אשר ווידער שליט"א מותיקי תלמידי רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, וועלכער געבט זיך אפ מיט די תינוקות של בית רבן בשעת קריאת התורה, און בשעת רעווא דרעווין אכטונג צו געבן אויף קדושת בית המדרש, לתפארת בית השם.

באזונדער ווערט אויסגעדרוקט א הארציגן יישר כח פאר הר"ר אשר'ן פאר זיין איבערמידליכע ארבעט אהערצושטעלן דעם "אבות ובנים" פראיעקט דורכן גאנצן זוממער, א יעדן מוצש"ק, מקיים צו זיין דעם "ולמדתם את בניכם לדבר בם" מיט א זעלטענע הצלחה בסייעתא דשמיא.

אין שפיץ פון די אלע אקטיוויטעטן שטייען די חשובע גבאי הביהמ"ד, ה"ה הר"ר מרדכי הערש גאלדמאן שליט"א; הר"ר יקותיאל הערש ווייס שליט"א שו"ב; מיט די געטרייע און איבערגעגעבענע מיטהילף פונעם חשובן משמש הביהמ"ד האברך החשוב מוה"ר אפרים פישל ברי"י סופר הי"ו, וועלכע איז שטענדיג עומד על המשמר לפאר ולרומם בית ה'.

## מה טובו אוהליך יעק"ב

א קורצע צייט צוריק האבן סאטמארער חסידים אין מאנטרעאל ערהאלטן דעם פריידיגן באריכט אז דער בארימטער בונה ומקים עולמות של תורה הרבני הנגיד המפורסם מוה"ר יעקב זוסמאן סופר הי"ו חבר הנהלת המתיבתא אין קרית יואל האט געהאט די זכי' מפריש צו זיין א גרויסן סכום פארן ארטיגן פראכטפולן בית המדרש התאחדות אברכים דסאַטמאַר - "בית שמואל בנימין", לשמו ולזכרו פון זיין אומפארגעסליכן טאטן היקר באנשים הרבני החסיד המפואר רבי שמואל בנימין ב"ר מרדכי אפרים פישל ע"ה, מחשובי ונכבדי חסידי סאַטמאַר-מאָנטרעאַל פאר לאנגע יארן.

פאר סאַטמאַרער חסידים אין מאָנטרעאַל דארף מען נישט פארשטעלן דעם דמות דיוקנו פון הרבני החסיד רבי שמואל בנימין סופר ז"ל, וועלכער איז געווען א דוגמא פון א חסידישער איד, וואס האט נישט פארמאגט קיין ליידיגע צייט אין טאג! בלי גוזמא.

סיי אינעם כח פון תורה, זייענדיג באקאנט מיט זיין התמדה און ידיעות בתורה, און סיי אין עבודה, ווען ער האט געלייגט א שטארקן דגוש אז אין בית המדרש זאל דאס דאווענען צוגיין כראוי וכנכון לתפארת בית ה', און אזוי אויך אינעם עמוד הגמילות חסדים, ארויסהעלפנדיג און פארלייכטערנדיג א יעדן איד בכל מה דאפשר.

אבער באזונדער האט ארויסגערופן התפעלות זיין אויסטערלישער דגוש אינעם הינזיכט פון עבודה, זיין ערנסטער דאווענען כראוי וכנכון פאר א חסידישער איד, דאס וועט פארבלייבן פאר אלעמען אין די ביינער, אויף דעם האט ער געשטרעבט כל ימיו, און דערין האט ער אריינגעלייגט אזעלכע כוחות.

במשך כל ימיו האט ער געשטרעבט און ארויסגעקוקט אז אינגעלייט

זאלן זיך צוזאמהאלטן אינאיינעם, אלס א חומה בצורה אנטקעגן די דרויסנדיגע גויאישע - און אידישע - גאסן, וועלכע ברענגען כל'ערליי פרעמדע השפעות.

שוין אזוי פרי ווי אין די יארן בהילו נרו על ראשינו פון מרן הגה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע איז שוין הר"ר שמואל בנימין ז"ל געווען שטארק אקטיוו און ענערגיש צוזאמצוהאלטן די "התאחדות אברכים" בשבת אחים.

און טאקע דערפאר האט בנו וממשיך דרכו במעשים הכבירים להרמת קרן התורה, הרבני הנכבד והמפואר מוה"ר יעקב זוסמאן הי"ו געשפירט אלס דער פאסיגסטער איסוואל אויסצוקלויבן אט דער הערליכער און בארימטער היכל הבית המדרש דסאַטמאַר מנציח זיין שמו וזכרו אויף אזא הערליכן פארנעם, וואס טאקע אין דעם ביהמ"ד ווערט פארווירקליכט דער לאנגיעריגער וואונטש און שטרעבן פון זיין אומפארגעסליכן טאטן.

עס איז קיין שום צווייפל אז דער הערליכער און פראכטפולער בית המדרש התאחדות אברכים "בית שמואל בנימין" דסאַטמאַר – פון וואו עס גייט טעגליך ארויס אזויפיל זכותים בתורה, עבודה, וגמילות חסדים - וועט דינען אלס א זכות אדיר ונשגב לזכותו פונעם חשובן נדבן המהולל הי"ו, און אין די זעלבע צייט גערעכנט ווערן לזכותו ולעילוי נשמתו פון זיין אומפארגעסליכן טאטן ז"ל. יהא זכרו ברוך.

סאַטמאַרער חסידים אין מאָנטרעאָל זענען העכסט-דאנקבאר פארן חשובן נדבן הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו, און וואונטשן אים ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, און ער זאל שטענדיג זוכה זיין ווייטער צו שטיין לימין מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א מיט אלע פעולות הקדושות להגדיל תורה ולהאדירה.

בו בזמן ווערט אויסגעדרוקט הארציגע דאנק-וואונטשן אויפן חשבון פון די פילצאליגע חברי הקהילה שיחיו, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן מיט הערליכע סכומים נכבדים יותר מן היכולת אינעם "קרן הבנין קאמפיין", אויפצוטרייבן די נויטיגע סכומים להקמת הבית המדרש, צדקתכם הרבה מאוד!

## שמועות טובות...

איינע פון די "זיגלען" וועלכע שטעמפלען אפ א בית המדרש אלס "סאטמארער ביהמ"ד" איז דער פאקט אז עס קומען כסדר צופארן אהין פארשידענע "גבאי צדקה" פון איבער די וועלט, איינצוקאסירן נדבת לבבם פון סאטמארער חסידים, וועלכע זענען בארימט מיט זייער מדת הצדקה וואס מרן הגה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע האט אריינגעפרעגלט אינעם ציבור.

און בית המדרש "בית שמואל בנימין" דסאטמאר איז טאקע ווייט פון אן אויסנאם אין דעם הינזיכט... פילצאליגע גבאי צדקה פון מוסדות הק' איבער די וועלט; סיי סאטמארער מוסדות מכל קצוי תבל און סיי אנדערע מוסדות על טהרת הקודש אין ארצינו הק', קומען כסדר צוגאסט אפצושטאטן א באזוך אינעם פראכטפולן ביהמ"ד.

אין א שמועס מיט די חשובע דעלעגאציע פון עסקני מוסדות הק' "יטב לב" אין ארה"ק געבן זיי איבער אז "אויסערדעם וואס מיר האבן געהאט א געוואלדיגע הצלחה ביי אונזער באזוך דעם פארלאפענעם ווינטער אין ק"ק סאטמאר-מאנטרעאל, איז עס איז אונז געווען א פריידיגערמאמענט מיטצוהאלטן מיטן בליה און וואוקס פון די קהילה קדושה, צוזעענדיג אזא הערליכער מקום תורה ותפילה מיט אזויפיל לומדים וקובעי עתים לתורה טאג טעגליך בליעה"ר!".




אין די טעג ווערט טאקע געמאלדן אז די חשובע עסקני הקהילה זענען געצווינגען געווארן זיך אוועקצוזעצן און פלאנירן ווייטערדיגע פעולות להרחבת גבולי הקדושה, צו קענען נאכקומען דעם כסדר'דיגן וואקסענדן געברויך פון אזא קהילה נאה וחסידה וואס וואקסט און בליעהט לשם ולתפארת.

חסידי סאַטמאַר איבער דער גארער וועלט קוקן זיך צו מיט פארגעניגן צו די הצלחה און סייעתא דשמיא פון ק"ק סאַטמאַר אין מאָנטרעאָל יצ"ו, און זיי וואונטשן צו: יה"ר שיתקדש שם שמים על ידיכם, להגדיל תורה ולהאדירה!

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

Congregation
Beis Shmiel Binyomin
**HISACHDIS AVREICHIM**
D'Satmar - Montreal
5870 Park Ave. Montreal Quebec H2V 4H3

בית המדרש
**בית שמואל בנימין**
**שע"י התאחדות אברכים**
דקהל יטב לב דסאטמאר - מאנטריאל יצ"ו
בהתייסדות כ"ק מרן רביהקוה"ט זי"ע
**בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

# דא היא סעודתא דדוד מלכא משיחא

הננו בזה להודיע
## שבמוצאי שב"ק זו
פר' קרח הבעלל"ט

יתקיים אי"ה
# סעודת מלוה מלכה רבתי
## בבית מדרשינו
**לרגל מלאת שנה תמימה**
**לפתיחת שערי בית מדרישנו**

נטילת ידים בשעה 11:30

**המלוה מלכה נתנדב ע"י וועד קרן הבנין שע"י בית מדרשינו המפואר**

המסדרים